ספרי' – אוצר החסידים – ליובאוויטש

קובץ
שלשלת האור

היכל
שמיני

שער
ראשון

# מאמר

# ויהיו חיי שרה — ה'ש"ת

מכבוד קדושת

## אדמו"ר יוסף יצחק

זצוקללה"ה נבג"מ זי"ע

## שניאורסאהן

מליובאַוויטש

יוצא לאור בפעם הראשונה

על ידי מערכת
„אוצר החסידים"

770 איסטערן פּאַרקוויי
ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות שמונים ושש לבריאה
שבעים ושש שנים לנשיאות כ"ק אדמו"ר מלך המשיח שליט"א

יחי אדוננו מורנו ורבינו מלך המשיח לעולם ועד

**MA'AMOR**

**VAY'HIYU CHAYEI SARAH — 5700**

*Published and Copyrighted by*

**"KEHOT" PUBLICATION SOCIETY**

770 Eastern Parkway, Brooklyn, N.Y. 11213

Tel. (646) 770-3589 • kehotp@gmail.com

*Printed in U.S.A.*

5786 • 2026

ב״ה.

# פתח דבר

בהמשך להוראת כ״ק אדמו״ר מלך המשיח שליט״א ע״ד הדפסת מאמרי אידיש של כ״ק אדמו״ר מהוריי״צ נ״ע משנת ה׳ש״תי, ולקראת כ״ב שבט הבע״ל, יום היאָרצייט־הילולא הל״ח של הרבנית הצדקנית מרת חי׳ מושקא נ״ע זי״ע – הננו מוציאים לאור – בפעם הראשונה – את המאמר ד״ה ויהיו חיי שרה מכ״ק אדמו״ר מהוריי״צ נ״ע, שנכתב באידיש לש״פ חיי שרה ה׳ש״ת.

המאמר נכתב ע״י כ״ק אדמו״ר מהוריי״צ בגוכתי״ק, ונעתק אח״כ במכונת כתיבה עם כמה שינוים, ובכ״מ הוסיף כ״ק אדמו״ר מהוריי״צ הגהות.

המאמר נדפס כאן מתוך ההעתקה, ובמקומות שנראים שחסר תיבה או אות, הושווה לגוכתי״ק.

חלקו הראשון של המאמר נדפס – עם כמה שינוים והוספות – בד״ה טוב לי תורת פיך בהקריאה והקדושה לחודש מרחשון תש״ג (ולאח״ז בסה״מ אידיש ע׳ 81 ואילך), וחלקו השני בד״ה בדבר הוי׳ שמים נעשו בהקריאה והקדושה לחודש כסלו תש״ג (ולאח״ז שם ע׳ 86 ואילך).

לחביבותא דמילתא, נדפס בסוף הקונטרס א) פאַקסימיליא מגוכתי״ק כ״ק אדמו״ר מהוריי״צ מעמוד הראשון של המאמר, ב) פאַקסימיליא מגוכתי״ק כ״ק אדמו״ר מהוריי״צ וכ״ק אדמו״ר מלך המשיח שליט״א על העתקת המאמר.

לתועלת הלומדים והמעיינים, ניתוספו כמה הערות ומראי מקומות הבאים בשולי הגליון ע״י המו״ל.

## יחי אדוננו מורנו ורבינו מלך המשיח לעולם ועד

## מערכת „אוצר החסידים״

ימות המשיח,
כ״א שבט ה׳תשפ״ו,
ברוקלין, נ.י.

---

1) ד״ה ותקרא את שמו שת, ד״ה צהר תעשה לתיבה, ד״ה ויאמר גו׳ לך וד״ה ויהי אחר הדברים נדפסו בקונטרס בפ״ע בשנת תשל״ח, ולאח״ז בסה״מ ה׳ש״ת ע׳ עז ואילך. ד״ה קטנתי מכל החסדים נדפס בקונטרס בפ״ע בשנת תשפ״ב.

בס״ד, חיי, ש״ת

**ויהיו** חיי שרה מאה שנה ועשרים שנה ושבע שנים שני חיי שרה[1]. די לעבענס יאָרען פון שרה זיינען געווען הונדערט יאָר, צוואַנציג יאָר און זיבען יאָרען. זאָגט רש״י פאַר וואָס שטייט יעדער צאָל יאָרען בעזונדער און עס שטייט ניט דער סך־הכל הונדערט זיבען און צוואַנציג יאָר, איז דאָס צוליעב אַ רמז, שני חיי שרה אַז אַלע יאָרען זיינען געווען גלייך לטובה. בעדאַרפמען פאַרשטיין וואָס איז דער מיין אין דעם וואָס מען רעכענט אויס די יאָרען פון שרה אין אַזאַ אופן וסדר, און נאָכדעם ווי דער פסוק רעכענט אויס די יאָרען בפרטות זאָגט ער ערשט שני חיי שרה אָט דאָס זיינען די יאָרען פון שרה. פאַרשטיין דעם ענין אין עבודת הוי׳, אין זהר[2] אויף דעם פסוק ויהיו חיי שרה פרעגט ער וואָס איז דער אונטערשייד צווישען שרה׳ן און אַנדערע פרויען וואָס וועגען זייער טויט ווערט דער מאָנט אין דער תורה סתם אָן די צאָהל יאָרען וויפעל זיי האָבען געלעבט און בא שרה׳ן שטייט די צאָהל יאָרען און דוקא אויסגערעכענט בפרטיות, זאָגט ער דאָרט אין זהר אַז דאָס דער סוד אין די ספירות העליונות וואָס דאָס איז דער אָרט למעלה וואו די יאָרען פון דעם מענטשען זיינען אָנגעוויזען. דער פירוש איז אַז יעדער נשמה וועלכע דאַרף אַראָפּ קומען אויף דער וועלט איז אין דעם דאָ אַ כוונה פרטית צוליעב וואָס אָט די נשמה קומט אויף דער וועלט, און יעדער נשמה גיט מען אַ געוויסע צאָל יאָרען וויפיל זי זאָל זיין אויף דער וועלט אויף אויסצופירען די כוונה און די שליחות צוליעב וועלכער זי איז אַראָפּגעקומען, ווי עס שטייט[3] ימים יוצרו ולו אחד בהם, טעג זיינען בעשאַפען געוואָרען מיט דער כוונה עס זאָל זיין דער אחד, אחד איז ר״ת א׳ ח׳ ד׳. א׳ מיינט אלופו של עולם, דער האַר פון דער וועלט, ה׳ מיינט די זיבען הימלין און די ערד. ד׳ מיינט די פיר זייטען פון דער וועלט[4], אַז די הימלען און די ערד מיט אַלע פיר זייטען פון דער וועלט מיט אַלעס וואָס איז אין זיי דאָ, הן צבא השמים והן צבא הארץ, זיינען אַלע בטל צו אלקות, און דאָס איז דער ולו אחד בהם, אַז צוליעב דעם גיט מען די ימים בכדי דער מענטש זאָל דורכפירען די כוונה צוליעב וועלכער די נשמה איז אַראָפּגעקומען אויף דער וועלט, וואָס פון דעם אַליין וואָס די נשמה קומט אַראָפּ אויף דער

1) חיי שרה כג, א.
2) ח״א קכא, ב ואילך.
3) תהלים קלט, טז.
4) ראה שו״ע או״ח סימן סא. לקו״ת תזריע כג, ג.

וועלט אויף אַ משך פון יאָרען, ווי עס שטייט[5] ימי שנותינו בהם שבעים שנה ואם בגבורות שמונים שנה, אויך ווי עס שטייט[6] והיו ימיו מאה ועשרים שנה, דעם מענטשענס יאָרען זיינען זיבציג אַכציג יאָר, הונדערט און צוואַנציג יאָר, איז אפילו אָט דער משך יאָרען ניט בערך לגבי דעם צאָל יאָרען וועלכע די נשמה געפינט זיך אויפן הימעל און וואַרט ביז זי וועט אַראָפּ קומען למטה, און דורך דעם וואָס די נשמה למטה לערנט תורה און איז מקיים מצות, ווערט די עלי' אין דער נשמה, פאַרשטייט מען פון דעם די מעלה פון דעם וואָס די נשמה איז מקיים תורה ומצות, אַז דורכדעם ווערט די עלי' פון דער נשמה אין אַזאַ מדריגה וועלכע איז העכער פון דעם ווי זי איז פריער געווען.

**קיצור.** דער מיין פון דעם אויספירלכין אויסרעכענונג פון שרה'ס יאָהרן, איז אַ רמז אויף דער עבודה פון דעם מענטשין אויף דער וועלט, די יאָהרין וואָס השי"ת גיט יעדין מענטשין אויף דורכפירין די כוונה וואָס זיין נשמה איז גיקומען אין עוה"ז איז אָנגיויזין אין דעם צווייטין הא' פון שם הוי'.

**והנה** און דאָס איז וואָס עס שטייט אין זהר[7] אלא רזא איהו בגין ההוא דרגא דכל יומין ושנין דבר־נש בי' תלין דדא היא ה' בתראה. עס איז דאָ אַ געוויסע דרגא למעלה, וואָס אין דער דאָזיקער דרגא איז אָנגעוויזען דער גאַנצער אינהאַלט פון די טעג און יאָרען פון אַ מענטשען. אָט די דרגא דאָס איז דער ה' אחרונה פון שם הוי'. אין שם הוי' איז דאָ פיר אותיות, י' ה' ו' ה'. וואָס ווי זיי זיינען אין די ספירות איז י' איז ספי' החכמה, ה' איז ספירת הבינה, ו' איז די זעקס מדות חסד גבורה תפארת נצח הוד יסוד, ווי עס שטייט[8] לך הוי' הגדולה והגבורה התפארת הנצח וההוד כי כל בשמים ובארץ, וואָס גדולה מיינט מען מדת החסד, ווי עס איז ידוע[9] אַז די מקובלים הראשונים האָבען גערופען מדת החסד מיטען נאָמען גדולה, און דאָס וואָס עס שטייט כי כל בשמים ובארץ מיינט מען מיט דעם וואָרט כל מדת היסוד[10], איז אין דעם דאָזיקען פסוק אויסגערעכנט אַלע זעקס מדות און דאָס איז דער אות ו' פון שם הוי'. און דער ה' אחרונה איז ספירת המלכות, וואָס אין ספירות המל' איז אָנגעוויזען דער גאַנצער אינהאַלט פון די טעג און

5) תהלים צ, י.

6) בראשית ו, ג.

7) שם (קכב, א).

8) דברי הימים־א כט, יא.

9) ראה אוה"ת וירא (ח"א) צ, א.

10) ראה לקו"ת עקב טו, ריש ע"ב.

יאָרען וואָס דער מענטש האָט צולעבען אויף דער וועלט, דער טעם פון דעם פאַר וואָס דוקא אין ספירת המל׳ איז אָנגעוויזען דער אינהאַלט פון מענטשענס לעבען, איז ווייל ספירת המלכות איז די ספירה דורך וועלכער השי״ת איז מחי׳ און מהוה די וועלט[11], ווי עס שטייט[12] ואתה מחי׳ את כולם זאָגט ער אין זהר[13] אַז ואתה איז דאָס ספירת המלכות. אין מדרש שטייט[14] אל תקרי מחי׳ אלא מהוה, אַז דער חיות אלקי וואָס איז מחי׳ די וועלט איז ער ניט מער ניט ווי מחי׳ נאָר אויך מהוה די וועלט, ד.ה. אַז דורך ספירת המלכות פירט זיך דורך די כוונה העליונה פון קיום העולם, און עס שטייט[15] מלכותך מלכות כל עולמים, אַז כל עולמים פון ריש כל דרגין ביזן עולם התחתון איז די התהוות און חיות פון יעדער עולם דורך ספירת המלכות. וואָס ספירת המלכות פון דעם העכערען עולם איז דער יסוד פון דעם עולם וואָס נידעריגער פון אים. וואָס די נידערריגסטע מדריגה פון ספירת המלכות פון העכערען עולם, וואָס דאָס איז דער יסוד פון נידעריגערען עולם, איז אין נידעריגערען עולם איז דאָס די העכסטע מדריגה. ווי עס שטייט[16] מלכות דאצילות נעשה עתיק וכתר לעולם הבריאה, ספירת המלכות איז די לעצטע ספירה אין יעדער עולם ווי עס שטייט[8] לך ה׳ הממלכה וואָס דאָס איז ספירת המלכות, שטייט דאָס נאָך אַלע ספירות ווייל ספי׳ המלכות איז די לעצטע ספירה אין יעדער עולם, וואָס אַזוי איז אויך אין עולם האצילות איז די ספירת המלכות די לעצטע ספירה, ווי דער מאמר[17] אַז ספירת המלכות איז סופא דכל דרגין דאצילות, די צען ספירות זיינען פון ספירת החכמה ביז ספירת המלכות, און פריער פאַר ספירת החכמה איז דאָ ספירת הכתר וועלכע איז ניט פאַרעכענט צווישען די צען ספירות, ווייל ספירת הכתר איז אַ מדריגה ממוצעת צווישען דיביידע וועלטען[18], און דאָס איז וואָס ספירת המלכות פון דעם העכערען עולם ווערט ספירת הכתר פון דעם נידעריגערען עולם, וואָס די ספירת הכתר איז דער שרש פון אַלע צען ספירות פון דעם דאָזיקען עולם.

---

11) ראה לקו״ת אחרי כז, ב. מסעי פט, א.

12) נחמי׳ ט, ו.

13) ח״א רה, א. ח״ב קד, א.

14) ראה ראשית חכמה שער הקדושה ספ״ז (הערת כ״ק אדמו״ר מלך המשיח שליט״א בסה״מ אידיש).

15) תהלים קמה, יג.

16) ראה ע״ח שער העקודים (שער ו) פ״ב. שער כסא הכבוד (שער מו) פ״ב. וראה לקו״ת מסעי צב, ב.

17) ראה זח״ג קעא, א.

18) ראה ע״ח שער דרושי אבי״ע (שער מב) פ״א. סידור (עם דא״ח) שו, ב.

**קיצור.** די פיר אותיות פון שם הוי' זיינען מאיר אין די צעהן ספירות, יו"ד אין חכמה. ה"א אין בינה. ו' אין די זעכס מדות. ה"א אין ספירת המלכות, וואָס דורך איהר איז השי"ת מהווה און מחי' אַלע עולמות מיט זיינע בעשעפענעשין, ספירת המלכות פון דעם העכערן עולם איז דער יסוד און כתר פון דעם צווייטין עולם.

**והנה** אין ספירת הכתר זיינען פאַראַן צוויי מדריגות, איין מדריגה הייסט עתיק און די צווייטע אריך. עתיק הייסט אָפּגערוקט, ווי עס שטייט[19] ויעתק משם ער האָט זיך אָפּגערוקט פון דאָרט, ווי דער תרגום טייטש ואסתלק מתמן, און דאָס איז די מדריגה פון עתיק וואָס אין ספירת הכתר, וואָס הגם די מדריגה אין אין ספירת הכתר פון דעם עולם, דאָך איז די מדרי' פון עתיק אַז בעצם ענינה איז זי אָפּגערוקט און אָפּגעטאָן פון עולם. די צווייטע מדריגה אין ספירת הכתר הייסט אריך. אריך מיינט לאנג. עס איז פאַראַן אריכות און קיצור, וואָס הגם אין קיצור איז דאָ דער אינהאַלט פון די גאַנצע אריכות, און נאָך דעם אינהאַלט פון דער אריכות אָט אַזוי איז דער קיצור, דאָך איז דער קיצור ניט בערך צו דער אריכות. למשל אין קיצור שלחן ערוך שטייט דער פסק־דין פון יעדר הלכה ווי די הלכה איז דאָ באריכות אין גמרא ופוסקים, אָבער איז דער פסק דין ניט בערך צו דער הלכה ווי זי איז אין גמרא ופוסקים, הגם דער פסק דין איז גוט און קלאָר אָבער אין דעם קיצור פעלט דער אור פנימי און דער חיות פון דער הלכה. למשל די מצות טהרה, חינוך, כשרות פון מליחה און תערובות בשר בחלב, וואָס די אַלע הלכות ווי זיי שטייען אין קיצור שלחן ערוך איז דאָס נאָר דער פסק הלכה אַז אין געוויסע צייטען בעדאַרף אַ פּרוי זיך אויפירען אַזוי, אָדער אַז אַזוי בעדאַרף זיין דער חינוך פון אַ קינד אַז מען בעדאַרף אים מרגיל זיין אין נטילת ידים, שלאָפען בכיסוי הראש און באַלד ווי ער הויבט אָן צו ריידען אפילו ניט גאָר שאַרף בעדאַרף מען מיט אים זאָגען דעם פסוק שמע ישראל[20], און ווען ער ווערט עטוואָס עלטער בעדאַרף מען אים צו געוואוינען צו שמירת שבת, דאָס זעלבע איז אויך אין די דינים פון זאַלצען פלייש און אָפּ היטען פליישיגס פון מילכיגס, דאָס איז אָבער אַלץ מער ניט ווי דער פסק הלכה, וואָס מען בעדאַרף טאָן און וואָס מען טאָר ניט טאָן, און די אַלע הלכות ווי זיי זיינען אין גמרא ופוסקים, איז אַ חוץ דעם וואָס אין יעדער הלכה איז דאָ אַ טעם און אַ פאַרשטאַנד, ווי אַזוי די מצוה שטייט אין פסוק און ווי אַזוי דאָס איז אַ הלכה למשה מסיני, איז אַ חוץ דעם איז

19) לך לך יב, ח. תולדות כו, כב. וראה לקו"ת חוקת סז, ב. דרושים לר"ה סא, ג.

20) ראה סוכה מב, א. רמב"ם הל' ת"ת פ"א ה"ו. טושו"ע יו"ד סרמ"ה ס"ה. הל' ת"ת לאדה"ז רפ"א.

אין יעדער מצוה אַרום גערעט געוואָרען אויספיהרליך אַלע פרטי דינים און עס ווערט ערקלערט די האַרבקייט וואָס אין יעדער הלכה איז, למשל, כל זמן די פרוי האָטזעך ניט טובל געווען אין דער געוויסער צייט אין אַ כשרה מקוה איז דאָס אַ איסור כרת, און אין ספרים ווערען דערציילט וועגען דעם גרויסען שכר אין גוטע קינדער וועלכע עס האָבען געהאַט די פרויען וואָס האָבען אָפּגעהיט די דינים בהידור, און ח״ו די גרויסע שטראָפען און קראַנקע און שלעכטע קינדער וואָס האָבען געהאַט די פרויען וואָס האָבען מזלזל געווען אין דעם וואָס השי״ת האָט זיי געהייסען, און אַזוי איז אויך אין אַלע הלכות, אָבער אין קיצור שלחן ערוך שטייט נאָר די הלכה פסוקה, און אַזוי וועט מען אויך פאַרשטיין אין דער ספירה פון אריך וואָס עם הייסט אריכות. די צען ספירות פון חכמה ביז מלכות ווערן צוטיילט אויף צוויי טיילען[21] דריי שכליים – חכמה בינה דעת – און זיבען מדות – חסד גבורה תפארת נצח הוד יסוד מלכות –. די זעקס ספירות פון חסד ביז יסוד ווערן אָנגערופען זעיר אנפין, אָט למשל ווי דער קיצור שלחן ערוך און די מדריגה אין כתר ווערט אָנגערופען אריך למשל ווי די הלכה ווי ז׳ שטייט אין גמרא ופוסקים באריכות.

**קיצור**. קיצור איז מער ניט ווי דער אויספיר דין פון דער הלכה וואָס דאָס קומט ניט צו דעם אויספירליכער סוגיא פאַרשטאַנד און ערציילונגען פון דעם שכר און עונג וואָס אין דער הלכה, גיזונטע קינדער אָדער קריינקע איבער ניט היטין טבילה במקוה כשרה, כשר, חינוך. די ספירות זיינען איינגיטילט חב״ד און מדות[22].

**והנה** די מדריגה פון אריך איז כולל אַלע ספירות פון חכמה ביז מלכות, וואָס אריך איז די אריכות פון אַלע צען ספירות, כשם ווי די אריכות פון די הלכות לגבי די קצורי דינים איז דאָך די אריכות כמו ווי אַ אַנדער ענין, ד.ה. אַז הגם אַז דאָס איז דער זעלבער ענין וואָס אין קיצור, נאָר ווייל אין אים איז דאָך פאַראַן די גאַנצע אריכות ווי אויך די טעמים איז דורכדעם ווערט דאָס גאָר ווי אַ אַנדער ענין, אָט אַזוי איז אויך אין דער מדרגה פון אריך לגבי די ספירות, הגם אריך איז כולל אַלע ספירות אָבער דורך די אריכות פון מדריגת אריך איז הגם דאָס זיינען די זעלבע ספירות וועלכע קומען נאָכדעם בפרטות אָבער ווי זיי זיינען אין מדריגת אריך זיינען זיי גאָר ווי אַ אַנדער מדריגה, איז הגם די ספירות ווי זיי זיינען אין אריך זיינען אין אַ העכערע מדריגה לגבי ווי זיי קומען נאָכדעם בפרט, דאָך האָבען זיי

21) ראה תניא רפ״ג.

22) ע״כ הגיע לידינו מהקיצורים.

אַ שייכות צום עולם, ד.ה. אַז די מדריגה פון אריך האָט אַ שייכות צום עולם התחתון, און די מדריגה פון עתיק האָט אַ שייכות צום העכערן עולם, ספירת הכתר וועלכע איז אַ מדריגה ממוצעת צווישען דעם העכערן און נידעריגען עולם, איז אין כתר פאַראַן צוויי מדריגות עתיק און אריך וואָס די מדריגה פון עתיק איז שייך צום העכערן עולם און די מדריגה פון אריך איז שייך צום נידעריגען עולם, וואָס די ביידע מדריגות עתיק און אריך זיינען אין דער ספירת המלכות פון העכערען עולם, ד.ה. אַז אין ספירת המלכות וואָס דאָס איז דער שרש און יסוד פון דעם נידעריגערן עולם זיינען פאַראַן די צוויי מדרינות עתיק און אריך. דער טעם פון דעם פאַר וואָס דוקא מלכות וועלכע איז די לעצטע מדריגה פון די עשר ספירות איז זי דוקא דער שרש פון נידעריגערן עולם און ווערט דער כתר פון נידעריגערן עולם, איז ווייל דער שרש המלכות איז העכער פון אַלע ספירות[23], ווי מיר זעהן בחוש אין די כחות הנפש אַז דער כח ההתנשאות איז העכער פון אַלע כחות, און אַזוי איז אויך ספירת המל׳ אַז בשרשה אין ספירת הכתר איז זי העכער פון אַלע אַנדערע ספירות, ווי עס שטייט אין ספרים[24] נעוץ תחלתן בסופן. ספירת הכתר פון יעדער עולם הייסט תחלה און ספירת המלכות — סוף, איז נעוץ תחלתן בסופן אַז דער תחלה פון כתר איז אָנגעבונדען אין סוף אין ספירת המלכות, און אין ספירת המלכות דוקא איז פאַראַן דער תחלה פון כתר, ווי מיר זעהען בחוש אין גוף האדם אַז די רגלים ברייננען די קאָפּ אין אַזאַ אָרט וואוהין די קאָפּ אַליין קען ניט קומען, און אַ מאָל ווען דער מענטש האָט קאָפּ ווייטאָג איז דורך אַ רפואה צו די פיס העלפט צום קאָפּ ווייטאָג, און אַזוי איז אויך אין ספירת המלכות און כתר אַז דער נעיצת התחלה פון כתר איז אין מלכות און דערפאַר ווערט ספירת המלכות דער שרש, ד.ה. דער כתר פון דעם נידעריגערן עולם, און דערום איז ספירת המלכות דער ה׳ אחרונה פון שם הוי׳ וואָס אין דער מדרינה זיינען אָנגעוויזען דעם מענטשענס יאָרען, ווייל דער תכלית הכוונה פון די יאָרען איז צו מברר זיין די וועלט וועלכע ספירת המלכות איז מהוה און מחי׳.

**וביאור** הענין[25]. עס שטייט[26] בדבר הוי׳ שמים נעשו, מיט השי״ת רייד איז דער הימעל בעשאַפען. ווי עס שטייט[27] בעשרה מאמרות נברא העולם. די עשרה מאמרות זיינען דער חיות פון אַלע נבראים, וואָס דער

---

23) ראה לקו״ת חוקת נח, ב. סה״מ תרנ״ט ע׳ יא.

24) ספר יצירה פ״א מ״ז. וראה אגה״ק ס״כ (קל, ב).

25) בהבא לקמן ראה סה״מ פר״ת ע׳ קמא.

26) תהלים לג, ו.

27) אבות פ״ה מ״א.

דבור פון השי״ת ווי דאָס איז אין די ספירות העליונות איז דאָס אין ספירת המלכות[28] ווי עס שטייט[29] באשר דבר מלך שלטון, ווי די רייד פון אַ קעניג וואָס געוועלטיגט. וואָס באַ אַ מענטשען דער ענין פון דבור איז דאָך צוליעב דעם צווייטען ד.ה. אַז דבור איז אַ גילוי פאַר דעם זולת, פאַר זיך בעדאַרף דאָך דער מענטש ניט האָבען דעם ענין פון דבור נאָר צוליעב דעם אַז דער צווייטער זאָל וויסען דאָס וואָס ער וויל אים מודיע זיין אָט דאָס איז דורך דבור. און דאָס איז דער אונטערשייד פון דבור צו די איבעריקע כחות, וואָס די איבעריקע כחות זיינען נאָר צוליעב זיך אַליין, דער כח השכל וואָס מיט אים און דורך אים פאַרשטייט מען השכלות, איז דאָך געוויס אַז דער כח השכל איז פאַר דעם מענטשען אַליין. וואָרום צו פאַרשטיין אַ שכל בעדאַרף ער דאָך ניט האָבן אַז דער צווייטער זאָל אים העלפן, אדרבא אַמאָל טרעפט גאָר אַז דער צווייטער איז גאָר אַ שטער און איז מבלבל צו טאָן אין מושכלות. ווי מיר זעהען במוחש אַז די מענטשען וועלכע זיינען איבערגעגעבען צו השכלה זיינען מער אין שטילע אָפּגעזונדערטע ערטער, ווייל די אָפּגעזונדערטקייט פון מענטשען און די רוהיגקייט ווירקען בעסער ער זאָל קענען זיין איבערגעגעבען צו השכלות אין די שכליים אויף וועלכע ער האָרעוועט. און דאָס איז דער טעם פאַר וואָס די שבטים האָבען אויסגעקליבען צו זיין רועי צאן בכדי זיי זאָלען זיין אָפּגעזונדערט פון מענטשען און קענען זיך איבערגעבען צו טאָן אין מושכלות, ווייל די זאַך פון שכל איז באַ דעם מענטשען נאָר פאַר זיך אַליין און ער קען אויסקומען אָן דעם צווייטען. און אויך אפילו דער ענין המדות וואָס דאָס קען שוין ניט זיין אָן דעם צווייטען, למשל, מדת החסד מוז דאָך זיין אַ צווייטער מיט וועמען צוטאָן חסד. באַ אַ מענטשען אין אויף זיך אַליין ניט שייך דער ענין המדות און עס מוז זיין אַ צווייטער אויף וועמען ער פירט אויס די מדה, ווייל דער גאַנצער ענין פון מדות איז נאָר שייך ווען עס איז פאַראַן אַ זולת[30], אָבער דאָך זיינען מדות כחות נפשיים[31], ד.ה. אַז הגם מדות זיינען כחות וואָס זייער אופן זיין איז נאָר ווען עס איז דאָ אַ זולת אויף וועמען אויסצופירען די מדה, אָבער דאָך איז די עצם מדה אַ כח וועלכער איז נוגע דעם מענטשן אַליין, למשל, די מדות אהבה און שנאה, זיינען שייך נאָר ווען עס איז דאָ אַ צווייטער וועמען מען קען ליעב האָבען און וועמען מען קען פיינט האָבען, נאָר דאָס איז אַלץ די פעולות פון די מדות אויף דעם מוז מען האָבן אַ זולת אויף וועמען אויצופירען די פעולות פון די מדות, אָבער דאָך איז דאָס נוגע דעם מענטשן

28) ראה תו״א (הוספות) ויקהל קיג, ב ואילך.

29) קהלת ח, ד.

30) ראה לקו״ת מסעי צג, רע״א.

31) ראה גם סה״מ עטר״ת ס״ע סג ואילך.

אַליין, ער איז דער וואָס האָט ליעב און ער איז דער וואָס האָט פיינט, זיינען די מדות אהבה און שנאה נוגע דעם מענטשען אַליין, נאָר דאָס איז אין אַזאַך וואָס איז חוץ פון אים. עס איז ניט גלייך צו שכל וואָס דאָס איז דאָך נאָר אין דעם מענטשען אַליין, אָבער אין די מדות איז די פעולות המדות מוז זיין אויף אַ צווייטן, אָבער די עצם מדה איז נוגע דעם מענטשען אַליין, נאָר עס קומט אין אַ זעלכע זאַכען וועלכע זיינען מחוץ להאדם.

**והנה** אָבער דער ענין פון דבור איז הגם דאָס איז אַ כח אין נפש אָבער דאָס איז בעיקרו נאָר צוליעב דעם צווייטען, צוליעב זיך בעדאַרף דאָך דער מענטש ניט האָבען קיין דבור. וואָס דאָס איז דער אונטערשייד פון מחשבה ביז דבור. מחשבה און דבור ווערן ביידע אָנגערופען לבושי הנפש[32], וואָס דורךביידען איז דער גילוי כחות הנפש, נאָר דער אונטערשייד וואָס מחשבה איז מגלה דעם גילוי צו דעם מענשען אַליין, למשל דער גילוי פון כח השכל קומט דעם מענטשען דורך מחשבה, און דבור איז מגלה דעם גילוי צום צווייטען. איז דאָך דער ענין פון מחשבה נאָר פאַר זיך, ווי מיר זעהען בחוש אַז אַ מענטש זאָל אפילו טראַכטען אַ גאַנצן טאָג וועט דער צווייטער ניט וויסען וואָס ער טראַכט און הגם מחשבה איז אויך מער ניט ווי אַ לבוש צום נפש, דאָך איז מחשבה אַ לבוש הפנימי[33], דערום איז דער לבוש המחשבה פאַראייניגט מיטן נפש, אַזוי ווי דער נפש איז שטענדיג אין גוף אַזוי איז אויך מחשבה שטענדיג, אָבער דער לבוש הדבור איז אַ לבוש החיצון[32] ווי עס שטייט[34] עת לדבר ועת לחשות מלדבר, עס איז פאַראַן אַ צייט צו ריידן און אַ צייט צו שווייגען פון ריידען, און דער גאַנצער ענין פון דבור איז מעהר ניט ווי צוליעב דעם צווייטען. און מיט דעם פאַר שטייען מיר אַז דער אור וחיות וואָס השי"ת איז מגלה אויף מהוה און מחי' זיין עולמות ונבראים בעלי גבול ווערט אָט דער אור וחיות אָנגערופען בשם דבור, אָט אַזוי ווי דער ענין פון דבורביים מענטשען איז דאָך נאָר צוליעב דעם זולת, אָט אַזוי איז אויך דער ענין הדבור למעלה וואָס איז מהוה ומחי' נבראים בעלי גבול וואָס נבראים בעלי גבול לגבי אלקות איז כביכול ווי אַ דבר הזולת. אלקות איז בלי גבול און באמת איז דאָך אין לך דבר שחוץ ממנו, עס איז ניטאָ קיין זאַך אויסער געטליכקייט, ווייל גבול איז געטליכקייט וואָס האָט זיך אַנגעטאָן אַ לבוש פון הגבלה, אָבער דאָך איז די געטליכקייט פון הגבלה כמו ווי אַ דבר הזולת לגבי די געטליכקייט פון בלי גבול, איז כשם ווי אין דבור באַ דעם מענטשען איז דאָך דער דבור אַ נפרד פון דעם

(32) ראה תניא פ"ד (ח, א).

(33) ראה אוה"ת שבת שובה (ח"ג) ע' א'תקד.

(34) קהלת ג, ז.

מענטשען וואָס דערפאַר איז דבור אַ גילוי צום זולת וואָס דבור איז ניט ווי מחשבה, מחשבה בלייבט אין דעם מענטשען און דבור גייט אַרויס פון דעם מענשטן אָט אַזוי אין אויך בכדי עס זאָלען זיין עולמות און נבראים בעלי גבול דורך ווען עס זאָל זיך אויס פירן די כוונה העליונה וואָס עלה ברצונו ית׳, האָט השי״ת מהוה געווען די עולמות דורך ספירת המלכות וואָס דאָס איז דער דבור העליון, וואָס אין דבור איז פאַראַן אַ יתרון המעלה אויף אַלע כחות אפילו אויף די העכסטע כחות, וואָס חוץ דעם וואָס דער גילוי פון אַלע כחות איז דורך דבור איז חוץ דעם ווערם דורך דבור אַ הגדלה אין דעם כח[35], למשל אין כח השכל איז חוץ דעם וואָס גילוי השכל איז דורך דבור, איז דורך דבור אין שכל ווערט מער שכל, און דאָס זעלבע אויך אין מדות ווען מען רעט דברי אהבה ווערט שטאַרקער דער גילוי האהבה און אַזוי אויך אין יעדער מדה, ד.ה. אַז אַלע גילוים זיינען דורך ספירת המלכות, און דאָס מיינט דער זהר אלא רזא איהו בגין ההוא דרגא דכל יומין ושנין דבר נש בי׳ תליין וואָס דאָס איז ספירת המלכות וועלכע איז דער יסוד ושרש הבריאה, און דורך ספירת המלכות איז די עליית הבירורים.

**והנה** אין מדרש הנעלם שטייט[36] אַז שרה איז אַ כינוי פון דעם מענטשענס גוף און דאָס איז ויהיו חיי שרה מאה שנה ועשרים שנה ושבע שנים שני חיי שרה דאָס זיינען אַלץ דרגות אין גוף ונפש האדם. א״ר יהודא כל עובדוי דבר נש כתיבין בספרא הן טב הן ביש ועל כלהון עתיד למיתן דינא דתנינן, א״ר יהודא אמר רב מאי דכתיב (תהלים קל״ט[37]) גלמי ראו עיניך אותם הדברים שעושה הגולם שאינו משגיח בעוה״ב כולם ראו עיניך שעיינת בהם, ועל ספרך כולם יכתבו ליתן עליהם דין וחשבון לעוה״ב. ר׳ יהודה זאָגט אַז אַלץ וואָס דער מענטש טוט הן גוטס הן שלעכטס איז למעלה פאַר שריבען, אויף אַלץ וועט דער מענטש דאַרפן אָפּגעבען אַ רעכנונג, ווי רב האָט געזאָגט אָט דאָס וואָס שטייט מיין גולם האָבען געזעהען דיינע אויגען, אַלע זאַכן וואָס עס טוט דער גולם וועלכער טראַכט ניט וועגען עוה״ב, איז דאָס אַלץ זעט מען למעלה און אַלעס איז פאַרשריבען אַז דער מענטש בעדאַרף אָפּגעבען אַ דין וחשבון, אפילו אַ דבור וואָס דער מענטש רעט ווערט ניט פאַרפאַלען, און די גוטע רייד וועלכע דער מענטש רעט ווערט דאָס אים פאַררעכנט פאַר אַ זכות, אַז אַ חוץ דעם וואָס השי״ת גיט אים

35) ראה תו״א בשלח סב, ג. סה״מ תרנ״ט ע׳ ג.

36) זח״א קכא, א.

37) פסוק טו.

די פירות אויף דער וועלט, איז דער קרן קיימת לעולם הבא[38] ווי עס שטייט באַ דער מצוה פון צדקה[39] ווען מען גיט אַ אָרעמאַן אַ נדבה ווערט מען געבענטש מהשי״ת מיט זעקס ברכות, און ווען בשעתן געבען די נדבה טרייסט מען נאָך דעם אָרעמאַן מיט גוטע רייד, ווערט ער געבענטש מהשי״ת מיט עלף ברכות, וואָס זיינען אַלץ די פירות פון מצות הצדקה וועלכע השי״ת גיט דעם מענטשען אויף דער וועלט, אָבער דער קרן פון מצות הצדקה בלייבט לעוה״ב, ווי עס שטייט[40] הון ועושר בביתו וצדקתו עומדת לעד, ביתו מיינט מען עוה״ז און עוה״ב אין דער הון און עושר פון תורה ומצות, איז דער שכר פון דעם איז בביתו בעוה״ז ובעוה״ב, אָבער וצדקתו ווען דער מענטש טוט די מצוה מיט אַ חיות און געשמאַק בדוגמא דעם געשמאַק וועלכען אַ צדיק האָט אין קיום המצוה, דאָס הייסט ווען ער טוט די מצוה מיט אַ איבערגעגעבענקייט וואָס דאָס הייסט וצדקתו, דאַן איז עומדת לעד אָן הגבלה. און פאַר שלעכטע מחשבות און רייד איז מען מעניש דעם אדם און עס ווערט פאַרשריבען לחובתו, אַז אַ חוץ דעם וואָס נאָך דער פטירה פון דעם מענטשען שטראָפט מען אים מיט חיבוט הקבר און כף הקלע[41], וואָס חיבוט הקבר אין אַ שטראָף פאַר דעם גוף, און כף הקלע אַז אַ שטראָף פאַר דעם נפש, וואָס דער ענין פון כף הקלע וואָס מען וואַרפט אַרום דעם נפש פון איין אָרט אויפן צווייטן, די כוונה פון דעם איז בכדי אַרויס צונעמען פון נפש די ווערטער פון דברים בטלים וואָס דער מענטש האָט גערעט, ווי למשל אַ בגד וועלכער איז פול מיט פלעקן און שטויב, איז איידער מען וואַשט אויס די פלעקן מיט קאַלטע אָדער מיט הייסע וואַסער קלאַפּט מען פון אים אויס דעם שטויב, און דאָס זעלבע איז אויך איידער מען באַשטראָפט מיט גיהנם, של שלג אָדער של אש, איז קומט די שטראָף פון חיבוט הקבר, וואָס די עצה ווי אַזוי פטור צו ווערן פון דער דאָזיקער שטראָף איז מען זאָל זאָגען אותיות התורה[42]. און איז[43] אויך אויף אַלע זאַכען וועלכע דער מענטש טוט איז דאָ אַ דין ומשפט הן אויף דעם נפש און הן אויף דעם גוף.

38) פאה פ״א מ״א.

39) ב״ב ט, ב.

40) תהלים קיב, ג. וראה פי׳ מצודת דוד עה״פ.

41) ראה תניא פ״ח (יג, א). לקו״ת פינחס עה, ג.

42) ראה „היום יום״ ז׳ טבת. ה׳ שבט.

43) און איז: כ״ה בהעתקה, ובכתי״ק: און אזיי איז.

**והנה** דער מדרש הנעלם[44] איז מפרש די גאַנצע פרשה אויף דעם ענין פון שכר ועונש פון גוף ונפש נאָך דער פטירה. עס שטייט[45] השבעתי אתכם בנות ירושלים אם תמצאו את דודי מה תגידו לו שחולת אהבה אני, די נשמה זאָגט צו די נשמות וועלכע האָבן זוכה געווען אַריין צו גיין אין ירושלים של מעלה, איך בעשווער אייך איר בנות ירושלים ווען איר וועט טרעפן את דודי מיינט מען השי״ת זאָלט איר אים זאָגען אַז איך בין קראַנק פון דעם וואָס איך גלוסט צו זעהען זיין ליכטיקייט און זיין אונטער זיין באַשיצונג. רב הונא זאָגט אַז דער טייטש חולת אהבה די נשמה זאָגט אַז זי איז אַ חולה, דער טעם פאַר וואָס איז זי אַ חולה ווייל זייענדיג אין עוה״ז האָט זי געהאַט אַ אהבה צו וועלטלעכע זאַכען און דורכדעם איז זי אַ חולה. ר׳ יהודה זאָגט אַז דער טייטש חולת אהבה איז די ליעבשאַפט וואָס די נשמה האָט ליעב דעם גוף און ווען עס קומט די ענדע פון די טעג וואָס דער גוף לעבט אויף דער וועלט איז ניכר די אהבה פון דער נשמה צום גוף. עס שטייט[46] ותמת שרה בקרית ארבע היא חברון בארץ כנען. השי״ת האָט בעשאַפען דעם גוף אין דער מזיגה והרכבה פון די פיר יסודות אש רוח מים עפר[47], וואָס אין דער צייט ווען דער גוף לעבט זיינען די אַלע פיר יסודות מחובר אין גוף, און ווען דער גוף הערט אויף צו לעבען ווערען די יסודות נפרדים, און דאָס מיינט מען ותמת שרה, דער גוף איז געשטאָרבען, דער שטאָרבען פון גוף אין דאָס וואָס די קרית ארבע — די פיר יסודות — וואָס זייענדיג אין ארץ כנען זיינען געווען חברון מחובר, זיינען זיי יעצט נפרדים. די וועלט איז ארץ כנען. כנען איז דער טייטש אַ הענדלער[48], די וועלט הייסט ארץ כנען אַ לאנד פון מסחר פון ירידת הנשמה בגוף, ווי עס שטייט[49] היום לעשותם אַז נאָר אויף דער וועלט קען דער מענטש מקיים זיין תורה און מצות און אויב ער האָט פאַרפעלט אַ מצות עשה אָדער געטאָן אַ לא תעשה קען ער נאָך תשובה טאָן, אָבער אַלץ נאָר ווען דער מענטש איז אין אַ גוף אויף דער וועלט, אָבער נאָך דער פטירה העלפט קיין תשובה[50], וואָס איז[51] איינע פון די שווערסטע יסורים מיט וואָס מען בעשטראָפט די זינדיגע ווען מען קומט אויף דער צווייטער וועלט און מען זעט די גרויסע

---

44) זח״א קכב, א.

45) שה״ש ה, ח.

46) חיי שרה כג, ב.

47) ראה רמב״ם הל׳ יסוה״ת פ״ד.

48) ראה ישעי׳ כג, ח. הושע יב, ח. פרש״י על וישב לח, ב.

49) ואתחנן ז, יא.

50) ראה גם „היום יום״ ו׳ כסלו.

51) וואס איז: כ״ה בהעתקה, ובכתי״ק: ואס דאס איז.

יסורים מיט וואָס מען בעשטראָפּט די זינדיגע, ווערט דער זינדיגער איבערעשט פון די גרויסע געוויין און הארץ אויסגעשרייען פון די געשטראָפטע און ער ווײנט פון טיפען האַרצען אַז ער טוט תשובה און האָט חרטה אויף די אַלע שלעכטע זאַכען וואָס ער האָט געטאָן, ענטפערט מען אים אַז תשובה קען מען טאָן נאָר אויף דער וועלט, און ווייל דער גאַנצער ענין פון ירידת הנשמה בגוף איז נאָר אויף דער וועלט דערום ווערט די וועלט אָנגערופען ארץ כנען. ויבא אברהם[44], דאָס איז די נשמה, לספוד לשרה ולבכותה, די נשמה קלאָגט אויף דעם גוף, ווען דער גוף איז פון אַ זינדיגען מענטשען ווערט ער נאָך דער שטראָף פון חיבוט הקבר און כף הקלע איבערעגעבען דעם מלאך דומה[52] אויף שטראָפען לויטן פסק דין פון בית דין של מעלה. און אויב דער גוף איז פון אַ צדיק איז הגם דער גוף ווערט נכלה, אָבער דער זעלבער גוף וועט אויפשטיין תחית המתים, און דאָס איז ויהיו חיי שרה, אין דעם לעבען פון גוף וואָס די כוונה פון בריאת העולם און בריאת הגוף איז דאָך צוליעב עבודה אין תורה ומצות, נאָר אין דער עבודה גופא זיינען פאַראַן חלוקי מדריגות, וואָס דאָס זיינען די דרגות[53] פון מאה שנה וואָס דאָס איז די דרגא פון כתר, עשרים שנה די דרגא פון מוחין חכמה ובינה, ושבע שנים די דרגא פון מדות, וואָס דאָס איז דער רמז אין די יאָרן פון שרה וואָס מיינט דער גוף, שני חיי שרה אַז דאָס איז דער תכלית פון לעבען אין גוף.

---

52) ראה זח״א צד, א. וראה סה״ש תש״א ע׳ 118. תש״ב ע׳ 160.

53) ראה גם ביאוה״ז לאדהאמ״צ בהוספות קלא, סע״ב. תו״ח פרשתנו קכו, ב ואילך. ביאוה״ז להצ״צ פרשתנו ע׳ עח ואילך. אוה״ת פרשתנו קי, ב ואילך. סה״מ מלוקט ח״ה ע׳ נח.



פאַקסימיליא מגוכתי"ק כ"ק אדמו"ר מהוריי"צ נ"ע
מעמוד הראשון של המאמר



בס"ד, חיי,ש"ת

ויהיו חיי שרה מאה שנה ועשרים שנה ושבע שנים
שני חיי שרה.די לעבענס יארען פון שרה
זייבען געוועזן הונדערט יאר,צוואנציג
יאר און זיבען יארען.זאגט רש"י פאר וואס
שטייט ~~בבש~~ יעדער צאל יארען באזונדער און עס שטייט
ביס דער סך=הכל הונדערט זיבען און צוואנציג יאר
איז דאס צוליעב א רמז,שני חיי שרה אז אלע יארען
זיינען געוועזן גלייך לטובה.בעדארפמען פארשטיין
וואס איז דער מיין אין דעם וואס מען רעכענט אויס
די יארען פון שרה אין אזא אופן וסדר,און נאכדעם
ווי דער פסוק רעכענט אויס די יארען בפרטות זאגט
ער ערשט שני חיי שרה אז דאס זיינען די יארען פון

פאַקסימיליא מגוכתי"ק כ"ק אדמו"ר מהוריי"צ נ"ע
על העתקת המאמר
**הק"ו מ"ח תש"ג**



ו

אריך איז שייך צום נידעריגען עולם,וואס די ביידע
מדריגות עתיק און אריך זיינען אין דער ספירת
המלכות פון העכערען עולם ד.ה.אז אין ספירת המלכות
וואס דאס איז דער שרש און יסוד פון דעם נידערי-
גערן עולם זיינען פאראן די צוויי מדריגות עתיק
און אריך. דער טעם פון דעם פאר וואס דוקא מלכות
וועלכע איז די די לעצטע מדריגה פון די עשר ספירות
איז זי דוקא דער שרש פון נידעריגערן עולם און
ווערט דער כתר פון נידעריגערן עולם איז ווייל דער
שרש המלכות איז העכער פון אלע ספירות,ווי מיר זעה

פאַקסימיליא מגוכתי"ק כ"ק אדמו"ר מלך המשיח שליט"א
על העתקת המאמר
**הק"ו כסלו תש"ג**

**לזכות**

**כ״ק אדמו״ר מלך המשיח שליט״א**

**מהרה יגלה אכי״ר**

* * *

**לז״נ**

הרה״ח הרה״ת ר׳ **צבי הירש** בן הרה״ח ר׳ **בן ציון** ע״ה

נלב״ע ז״ך אלול ה׳תש״מ

ומרת **רבקה** בת הרה״ח ר׳ **צבי** ע״ה

נלב״ע כ״ט תמוז ה׳תשס״ב

**שפּריצער**

נתרם ע״י בניהם – יבלח״ט –

הרה״ת ר׳ **שמואל** והרה״ת ר׳ **יעקב מרדכי** שיחיו

**שפּריצער**

**יחי אדוננו מורנו ורבינו מלך המשיח לעולם ועד!**

לזכרון

הרבנית הצדקנית

מרת **חי' מושקא**

בת כ"ק אדמו"ר

אור עולם

נזר ישראל ותפארתו

צדקת ה' עשה

ומשפטיו עם ישראל

ורבים השיב מעון

מרנא ורבנא

**יוסף יצחק**

ובת הרבנית הצדקנית

מרת **נחמה דינה**

ע"ה ז"ל

נפטרה ביום רביעי פ' משפטים

כ"ב שבט שנת ה'תשמ"ח

**ת' נ' צ' ב' ה'**

•

אשתו של – יבלח"ט – כ"ק אדמו"ר מלך המשיח שליט"א